Publié par
la Maison de la culture
yiddish - Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Délégation Générale
à la Langue Française
et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער —
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 11, נומער 2 (52)

כּיסלו תּשס״ו/דעצעמבער 2005

## חנוכּה[1]

„טרעפֿט[2], קינדער, וואָסער יום־טובֿ[3] איז דער בעסטער פֿון אַלע יום־טובֿים ? חנוכּה.
אַכט טעג כּסדר[4] נישט גיין אין חדר[5], עסן לאַטקעס[6] מיט שמאַלץ[7], שפּילן אין דריידלעך[8] און
באַקומען פֿון אַלע זײַטן חנוכּה־געלט[9] — נו, באַדאַרף מען נאָך אַ בעסערן יום־טובֿ ?"

(פֿון „חנוכּה־געלט", ציקל : „מעשׂיות[10] פֿאַר ייִדישע קינדער", שלום־עליכם[11])

אין די פּאָר שורות[12] גיט שלום־עליכם איבער דאָס וויכטיקסטע פֿונעם יום־טובֿ חנוכּה אין די אויגן פֿון אַ קינד. נאָר פֿון וואַנען שטאַמען די אַלע מינהגים[13] ? פֿאַר וואָס צינדט מען ליכט[14] ? פֿאַר וואָס דריידל ? פֿאַר וואָס לאַטקעס ? און בכלל[15], וואָס איז חנוכּה ? חנוכּה איז דער ייִנגסטער פֿון די ייִדישע יום־טובֿים. מע פּראַוועט[16] אים צוליב אַ היסטאָריש געשעעניש וואָס איז פֿאָרגעקומען אינעם 2טן יאָרהונדערט פֿ״ק[17]. דעמאָלט איז ארץ־ישׂראל[18] געווען אונטער דער מאַכט פֿון אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס[19], דעם קעניג פֿון דער גריכיש־סירישער אימפּעריע. די שטאָט ירושלים[20] איז געווען אָקופּירט, אין בית־המיקדש[21] האָט מען אײַנגעפֿירט געצן־דינערײַ[22]. האָבן ייִדן געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד[23], אָנגעפֿירט דורך יהודה המכּבי[24]. אין יאָר 165 האָבן די ייִדן באַפֿרײַט דעם בית־המיקדש, אים אויסגערייניקט און דורכגעפֿירט אַ צערעמאָניע וואָס הייסט חנוכּת־הבית[25] (די באַנײַונג פֿון הויז), פֿון וואַנען עס נעמט זיך דער נאָמען פֿונעם יום־טובֿ חנוכּה. די געשיכטע פֿון די מכּבייער[26] (וואָס מע רופֿט זיי אויך חשמונואים[27]) ווערט דערציילט אין צוויי אַפּאָקריפֿן (ספֿרים־חיצוניים[28]), וואָס זענען אַרײַן אין דער קריסטלעכער ביבל.



1

דער אָפּשטאַם[29] פֿון די חנוכּה־מינהגים אָבער איז נישט אַזוי קלאָר. צינדן ליכט און געבן מתּנות[30] טוען קריסטן ניטל[31]־צײַט אַזוי ווי ייִדן חנוכּה. איןביידע פֿאַלן מיינט מען אַז דאָס איז אַן איבערבלײַב פֿון אַלטע פּאַגאַנישע פֿײַערונגען[32] נאָך דעם ווינטערדיקן זונשטיל[33]. נאָר די לעגענדע דערציילט אַן אַנדער מעשׂה : ווען די ייִדן האָבן געוואָלט הייליקן דעם בית־המיקדש און ווידער אָנצינדן דעם נר־תּמיד[34], דאָס אייביקע ליכט, האָבן זיי געפֿונען אַ קליין פֿלעשל מיט ריינעם בוימל[35], בלויז גענוג אויף איין טאָג. נאָר דעמאָלט איז געשען אַ גרויסער נס[36] – דאָס ביסל בוימל האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג, ביז מע האָט געקענט מאַכן מער בוימל פֿאַרן נר־תּמיד. דערפֿאַר צינדט מען די אַכט ליכטלעך און דערפֿאַר געדויערט דער יום־טובֿ אַכט טעג. דאָס איז אויך די סיבה[37] פֿאַר

[סוף זײַט 8]

1. KHA'NUKE Hanouca/Hanukkah 2. devinez/guess 3. YONTEV fête/holiday ; *pl.* יום־טובֿים YOMTOYVIM 4. KESEYDER d'affilée/in a row 5. KHEYDER école traditionnelle/traditional school 6. beignets de pommes de terre/potato pancakes 7. graisse d'oie/fat (of goose, chicken, etc.) 8. totons, toupies/tops 9. KHANUKE… argent donné aux enfants/money given to children 10. MAYSES histoires/stories ; *sing.* מעשׂה MAYSE 11. SHOLEM-ALEYKHEM 12. SHURES lignes/lines 13. MINHOGIM coutumes/customs ; *sing.* מינהג MINHEG 14. bougies/candles 15. BIKHLA'L en général/in general 16. fête/celebrate 17. פֿאַר קריסטוס IIème siècle av. J.-C./2nd century B.C. 18. ERETS-YISROEL Terre d'Israël/Land of Israel 19. Antiochos Épiphane/Antiochus Epiphanes 20. YERUSHOLAIM Jérusalem 21. BEYS-HAMIKDESH Temple 22. idolâtrie/idol-worship 23. soulèvement/uprising 24. YEHUDE HAMAKABI Judas Maccabée/Judah Maccabee 25. KHANUKES-HABA'IS inauguration 26. MAKABEYER Maccabées 27. KHASHMENOIM Asmonéens/Hasmoneans 28. SFORIM KHITSOYNIM livres apocryphes/aprocryphal books 29. origine/origin 30. MATONES cadeaux/gifts 31. Noël/Christmas 32. célébrations 33. solstice 34. NER TOMID lumière perpétuelle/eternal light 35. huile/oil 36. NES miracle 37. SIBE raison/reason

# משה בראָדערזאָן[1] – פּאָעט און פּורים־שפּילער[2]

**פֿון אָקטאָבער ביז דעצעמבער 2005 האָט די מעדעם־ביבליאָטעק געווידמעט אַן אויסשטעלונג[3] דעם אָנדענק פֿון ייִדישן שרײַבער משה בראָדערזאָן, גרינדער פֿון דער מאָדערניסטישער באַוועגונג „יונג ייִדיש" אין לאָדזש. די אויסשטעלונג באַשטייט פֿון זעלטענע דאָקומענטן – פּאָטאָס, כּתבֿ־ידן[4] און אילוסטרירטע עקזעמפּלאַרן פֿון זײַנע ביכער – פֿון דעם שרײַבערס פּערזענלעכן אַרכיוו.**

פֿאַר משה בראָדערזאָן, ווי פֿאַר אַ סך פֿון זײַנע בני־דור[5], איז דאָס לעבן נישט געווען קיין גראָדע ליניע[6]. דער שרײַבער איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע אין 1890, איין יאָר פֿאַר גירוש־מאָסקווע[7] – ווען די צאַרישע מאַכט האָט אַרויסגעטריבן אַלע ייִדן פֿון מאָסקווע און פּעטערבורג, אַחוץ[8] אַ פּאָר פּריווילעגירטע פּראָפֿעסיאָנעלע קאַטעגאָריעס (דאָס קאַפּיטל געשיכטע קען מען לייענען אינעם ראָמאַן *פּעטערבורג* פֿון שלום אַש[9]). די קינדהייט האָט בראָדערזאָן פֿאַרברענגט אינעם זיידנס שטעטל ניעזוויזש אין ווײַסרוסלאַנד. ווען ער איז געווען צען יאָר אַלט האָט זײַן משפּחה[10] זיך באַזעצט אין לאָדזש, און פֿון דעמאָלט אָן האָט זיך זײַן לעבן געהוידעט[11] צווישן לאָדזש און מאָסקווע, לויטן גאַנג פֿון די וועלט־מלחמות[12] : לאָדזש האָט ער פֿאַרלאָזן דאָס ערשטע מאָל אין 1914 און ווידער געפֿאָרן קיין מאָסקווע. ער האָט זיך אומגעקערט אין 1918 ווען די קאָמוניסטן האָבן פֿאַרכאַפּט די מאַכט אין רוסלאַנד. און דאָס צווייטע מאָל איז ער אַנטלאָפֿן פֿון לאָדזש אין סעפּטעמבער 1939 ווען די דײַטשן האָבן פֿאַרנומען די שטאָט.

משה בראָדערזאָן איז אָנערקענט געוואָרן ווי אַ פּאָעט ווען ער איז געווען אין מאָסקווע בשעת[13] דער ערשטער וועלט־מלחמה. דעמאָלט האָט ער זיך באַקענט און מיטגעאַרבעט מיט ייִדישע אינטעליגענטן און קינסטלער ווי דער שרײַבער דניאל טשאַרני[14], דער קריטיקער שמואל ניגער[15] אָדער די קינסטלער אל. ליסיצקי[16] און יוסף טשײַקאָוו[17]. זײַן בליצײַט[18] ווי אַ ייִדישער שרײַבער און קולטור־טוער איז געווען אין לאָדזש צווישן 1919 און 1939 : צוואַנציק יאָר אינטענסיווע שעפֿערישקייט און טעטיקייט[19]. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ טוץ[20] ביכער – לידער־זאַמלונגען, טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען און קינדערביכער. ער האָט געפּרוּווט שאַפֿן אין כּמעט[21] אַלע ליטעראַרישע זשאַנערס אַחוץ פּראָזע : ער האָט אַפֿילו[22] געשריבן דעם ליברעטאָ פֿאַר דער ערשטער ייִדישער אָפּערע, וואָס מע האָט געשפּילט אין וואַרשע אין 1924 „דוד און בת־שבֿע"[23]. אין לאָדזש איז ער געווען (צוזאַמען מיטן פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן[24]) דער אָנגעזעענסטער ייִדישער שרײַבער, אָבער זײַן טעטיקייט האָט זיך נישט באַגרענעצט צום שרײַבן : ער האָט געגרינדעט אין 1922 אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער, חד־גדיא[25], און אַחרון אַחרון חבֿיבֿ[26] האָט ער געשאַפֿן אין 1927 דאָס קלייןקונסט־טעאַטער „אַררט"[27] אין וועלכן עס האָבן דעביוטירט די צוויי באַרימטע ייִדישע קאָמיקערס דזשיגאַן און שומאַכער. אַררט האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג אין לאָדזש אָבער אויך אין וואַרשע, ווילנע און אַפֿילו אין די גרויסע שטעט פֿון מערבֿ[28]־אייראָפּע, אַרײַנגערעכנט

[סוף זײַט 3]




МЕДКАРТОЧКА № 1363
Фамилия Бродерзон
Имя и отчество М.М.
Место работы СМ
Билет действителен 31/XII 55
« 10 » ноября 1956 г.
Директор Литфонда СССР
(Билет без фотографии не действителен.)

1. Moyshe Broderzon (1890-1956) 2. acteur de Pourim/Purim player 3. exposition/exhibition 4. ksav-yadn manuscrits/manuscripts 5. bney-dor contemporains/contemporaries 6. ligne droite/straight line 7. geyresh-... expulsion des Juifs de Moscou/expulsion of the Jews from Moscow 8. akhu'ts à part/except for 9. sholem Asch 10. mishpokhe famille/family 11. a été balloté/went back and forth 12. milkhomes guerres/wars 13. besha's pendant/during 14. daniel Charney 15. shmuel Niger 16. El Lissitzky 17. yoysef Tshaykov 18. apogée/heyday 19. activité/activity 20. douzaine/dozen 21. kima't presque/nearly 22. afile même/even 23. dovid ... basheve David et Betsabée/David and Bathsheba 24. yitskhok Katzenelson 25. khad-gadye 26. akhren-akhren-khovev le dernier mais non le moindre/last but not least 27. ararat café-théâtre Ararat/variety theatre Ararat 28. mayrev de l'Ouest/Western






פּאַריז, ווּ די טרופּע האָט גאַסטראָלירט[29] אין 1936.
משה בראָדערזאָן האָט אַרויסגעגעבן אין 1939 דאָס ליד *יזך*, אַ מין פּאָעטישער פּאַמפֿלעט קעגן דער נאַצישער מגיפֿה[30] און דאָס ליד האָט אים, אויף אַ געוויסן אופֿן[31], געראַטעוועט[32] : ווען די דײַטשן האָבן פֿאַרנומען לאָדזש אין סעפּטעמבער 1939 האָט ער געוווּסט אַז מע וועט אים אַרעסטירן צוליב זײַנע אַנטינאַצישע פּאָזיציעס. ער איז אַנטלאָפֿן קיין וואַרשע און שפּעטער קיין ביאַליסטאָק, וואָס איז שוין געווען אויף דער סאָוועטישער זײַט. די סאָוועטן האָבן אים פֿאַרשיקט[33], צוזאַמען מיט זײַן ווײַב, זײַן טאָכטער חנה[34] און זײַן איידעם[35] אָדם[36] בורשטין, קיין צענטראַל־אַזיע ווּ זיי זענען געבליבן אַ פּאָר יאָר.
אין 1944 האָט מען אים צוריקגעברענגט אין מאָסקווע ווּ ער איז געוואָרן אַ לערער אין ייִדישן מלוכה[37]־טעאַטער און געלעבט צווישן די גרעסטע ייִדיש שרײַבער – דוד בערגעלסאָן[38], פּרץ מאַרקיש[39], איציק פֿעפֿער[40], דוד האָפֿשטיין[41]. מע האָט אים אַרעסטירט ווי אַלע אַנדערע אין 1950 און פֿאַרמישפּט[42] אויף צען יאָר לאַגער. ער איז באַפֿרײַט און רעהאַביליטירט געוואָרן אין 1955. ער האָט זיך אומגעקערט קיין פּוילן אין יוני 1956 און איז געשטאָרבן פֿון אַ האַרץ־אַטאַקע אין וואַרשע אין אויגוסט.
שוין אין 1945 האָט בראָדערזאָן געהאַט די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן קיין פּוילן ווי אַלע פּוילישע בירגער, אָבער ער האָט נישט געוואָלט „לעבן אין אַ בית־עולם[43]“– איז ער געבליבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[44]. זײַן טאָכטער און איידעם האָבן דעמאָלט פֿאַרלאָזן מאָסקווע און עמיגרירט נאָך אַ פּאָר וואַנדערונגען אין אַמעריקע.
זיי ווױנען איצטער אין פֿלאָרידע און אין 2004 האָבן זיי געשאָנקען דער מעדעם־ביבליאָטעק משה בראָדערזאָנס ליטעראַרישן אַרכיוו. דער אַרכיוו באַשטייט פֿון עקזעמפּלאַרן פֿון כמעט אַלע זײַנע ביכער : זעלטענע אויסגאַבעס[45] אילוסטרירטע פֿון די בעסטע ייִדישע קינסטלער פֿון זײַן צײַט, כּתבֿ־ידן פֿון דער תּקופֿה[46] אין צענטראַל־אַזיע און פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿונעם מחבר[47] און פֿון זײַנע צוויי לוויות[48] – די ערשטע אין וואַרשע אין 1956 און די צווייטע אין תּל־אָבֿיבֿ[49] ווען מע האָט אַריבערגעטראָגן זײַנע עצמות[50] אין 1972. דער אַרכיוו גיט אַ פֿאַרכאַפּנדיקע אָפּשפּיגלונג פֿון אַ שאַפֿונג וואָס איז אי טיף ייִדיש, אי באַנײַעריש, אַוואַנגאַרדיסטיש.

3

**אויבן : די הילע און דעם מחברס פּאָרטרעט (דורך יאַנקל אַדלער) פֿון בראָדערזאָנס בוך „שוואַרץ־שבת“ (לאָדזש, 1919)**

**פֿאָטאָמאָנטאַזש פֿון יהודה לעווין פֿון בראָדערזאָנס בוך „יזך“ (לאָדזש, 1939)**



29. a fait une tournée/toured 30. MAGEYFE peste/plague 31. … OYFN d'une certaine façon/in a certain way 32. sauvé/saved 33. déporté/deported 34. KHANE 35. gendre/son-in-law 36. ODEM Adam 37. MELUKHE d'État/state 38. DOVID Bergelson 39. PERETS Markish 40. Itsik Fefer 41. DOVID Hofshteyn 42. FARMISHPET condamné/sentenced 43. BEYS-OYLEM cimetière/cemetery 44. URSS/USSR 45. éditions rares/rare editions 46. TKUFE période/period 47. MEKHABER auteur/author 48. LEVAYES obsèques/funerals 49. Tel-Aviv 50. ATSOMES restes/remains.

# אַ נײַ ייִדיש ווערטערבוך אין שוועדן[1]

**מיט אַ קורצער צײַט צוריק איז אַרויס אין שוועדן צום ערשטן מאָל אַ ייִדיש ווערטערבוך. עס אַנטהאַלט 7000 ווערטער, און איז אײַנגעטיילט אין דרײַ טיילן : ייִדיש־שוועדיש, שוועדיש־ייִדיש, און אַ טייל מיט די ייִדישע ווערטער אין טראַנסקריפּציע. דאָס בוך איז פּובליקירט געוואָרן דורכן „מגילה פֿאַרלאַג[2]“, רעדאַגירט דורך לענאַרט קערבל[3] מיט דער הילף פֿון פּעטער דוד[4]. דער *ייִדישער טעם־טעם* האָט געוואָלט זיך דערוויסן עפּעס מער וועגן דער זאַך, האָבן מיר געשטעלט אַ פּאָר פֿראַגעס דעם רעדאַקטאָר.**

## וואָס איז „מגילה פֿאַרלאַג“ און וואָס פֿאַר אַ ביכער גיט איר אַרויס ?

**לענאַרט קערבל :** „מגילה פֿאַרלאַג“ גיט אַרויס ביכער וועגן ייִדישע ענינים[5] : פּראָזע און פּאָעזיע, ביכער וועגן דעם חורבן[6]. לעצטנס האָבן מיר זיך מערסטנס באַשעפֿטיקט מיט ביכער וואָס האָבן צו טאָן מיט דער ייִדישער שפּראַך : לערנביכער, ייִדישע לידער, שפּריכווערטער, און אַזוי ווײַטער. מיט אָט די אויסגאַבעס[7] האָבן מיר געהאַט דעם גרעסטן דערפֿאָלג[8]. איך האָב געגרינדעט דעם „מגילה פֿאַרלאַג“ מיט צען יאָר צוריק. דאָס איז מײַן פֿאַרלאַג און מײַן „האָבי“. איך האַלט אים אין דער היים און אַלע צימערן זײַנען פֿול מיט ביכער. מײַן ווײַב קלאָגט זיך אַז ס'איז ניטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר אירע זאַכן.

## ווער קויפֿט אײַערע ביכער ?

**ל. ק. :** איר קענט דאָס ייִדישע ווערטל[9] : ייִדן קויפֿן ניט קיין ביכער – זיי שרײַבן ביכער ! נו, אַ סך ייִדן קויפֿן אונדזערע ביכער, אָבער די גויים[10] מער.

## וויפֿל ייִדן וווינען אין שוועדן ? און וויפֿל פֿון זיי קענען ייִדיש ?

**ל. ק. :** מע זאָגט אַז עס וווינען אין שוועדן אַרום 17 000 ייִדן. די ערשטע ייִדן זײַנען געקומען סוף[11] 18טן יאָרהונדערט פֿון דײַטשלאַנד. מײַן טאַטע איז געקומען פֿון לעטלאַנד[12] פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה[13] און מײַן מאַמע פֿון ווײַסרוסלאַנד[14] נאָך דער רעוואָלוציע. אין די דרײַסיקער יאָרן זײַנען געקומען ייִדן פֿון דײַטשלאַנד, און נאָך דער מלחמה ייִדן פֿון די לאַגערן[15]. אין 1967 האָט מען אַרויסגעוואָרפֿן די ייִדן פֿון פּוילן און אַ פּאָר טויזנט זײַנען געקומען קיין שוועדן. (אַגבֿ[16], איך טראַכט אַרויסצוגעבן אַ ביכל וועגן דעם אַרויסטרײַבן די ייִדן פֿון פּוילן). ייִדיש ווערט זינט אַ פּאָר יאָר אָנערקענט[17] ווי אַ מינאָריטעט־שפּראַך אין שוועדן. דאָס מיינט אַז די שוועדישע מלוכה[18] גיט געלט פֿאַר ייִדישע אַקטיוויטעטן, למשל[19] אַרויסצוגעבן ביכער. ווער קען ייִדיש ? דער אַלטער דור[20] וואָס איז געקומען פֿון די לאַגערן אין דײַטשלאַנד רעדט אָפּט ייִדיש. ס'איז אפֿשר[21] פֿאַראַן אין שוועדן 3000 מענטשן וואָס פֿאַרשטייען און רעדן ייִדיש. אַ סך ווייניקער שרײַבן און לייענען.



**לענאַרט קערבל (לינקס) און פּעטער דוד (רעכטס)**

## צי לערנט מען ייִדיש אין שוועדן ? אין וועלכע אינסטיטוציעס ?

**ל. ק. :** איך בין אַ לערער פֿון ייִדיש. איצט האָב איך זעקס תּלמידים[22] און זיי קומען צו מיר אַהיים. מיר זיצן אין קיך און מיר לייענען ייִדישע טעקסטן. מײַנע תּלמידים זײַנען אָנהייבערס אָבער זייער פֿאַראינטערעסירטע. אין שטאָקהאָלם, וווּ איך וווין, איז אויך פֿאַראַן אַנדערע גרופּעס וואָס לערנען זיך ייִדיש. דער ייִדישער פֿאַראיין[23], אַ געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין שוועדן, אָרגאַניזירט קליינע צוזאַמענפֿאָרן זומערצײַט – מע טרעפֿט זיך דרײַ טעג און מע רעדט אַ ביסל ייִדיש. עס קומען אַרום 60 מענטשן און מע פֿאַרבעט[24] געסט פֿון דער גאַנצער וועלט. הײַ־יאָר[25] איז געקומען העדער וואַלענסיאַ[26] פֿון ענגלאַנד. לײַדער קען מען ניט שטודירן ייִדיש אין אוניווערסיטעטן אין שוועדן.

## ווער לערנט זיך ייִדיש ?

**ל. ק. :** יונגע ייִדן וואָס זייערע עלטערן אָדער באָבע־זיידע האָבן גערעדט ייִדיש. נאָר איך האָב אויך געהאַט קורסן וווּ די מערסטע תּלמידים זײַנען געווען ניט־ייִדן. אַ סך מענטשן אין שוועדן פֿאַראינטערעסירן זיך מיט ייִדיש און מיט דער ייִדישער קולטור.

## פֿאַר וועמען האָט איר געשאַפֿן אײַער ווערטערבוך ?

**ל. ק. :** דאָס בוך איז געמיינט[27] פֿאַר אַלע די וואָס אינטערעסירן זיך מיט ייִדיש. דערפֿאַר האָבן מיר אויך צוגעגעבן אַ טייל מיט טראַנסקריפּציע פֿאַר די ייִדן און ניט־ייִדן וואָס פֿוילן זיך[28] אויסצולערנען די ייִדישע אותיות[29]. ביז הײַנט האָבן מיר פֿאַרקויפֿט אַ

[סוף זײַט 5]



1. Suède/Sweden 2. MEGILE-… Megilla-Förlaget, éditions Megila/Megila Press 3. Lennart Kerbel 4. Peter David 5. INYONIM sujets/subjects ; *sing.* ענין INYEN 6. KHURBM Shoah 7. publications 8. succès/success 9. dicton/saying 10. GOYIM ניט־ייִדן 11. SOF fin/end 12. Lettonie/Latvia 13. MILKHOME guerre/war 14. Biélorussie/Bielorussia 15. camps 16. AGEV à propos/by the way 17. reconnu/recognized 18. MELUKHE État/state 19. LEMOSHL par exemple/for example 20. DOR génération 21. EFSHER peut-être/perhaps 22. TALMIDIM étudiants/students 23. association 24. on invite/we invite 25. cette année/this year 26. Heather Valencia 27. destiné/meant 28. ont la flemme/are too lazy 29. OYSYES lettres/letters ; *sing.* אות OS

[סוף פון זייט 4]

סך עקזעמפּלאַרן. מיר זײַנען געווען אויפֿן ביכער־יריד[30] אין געטעבאָרג[31] און דאָס בוך האָט דאָרטן געהאַט אַ דערפֿאָלג. איך דערוואַרט אויך אַ היפּשע[32] באַשטעלונג[33] פֿון די שוועדישע שטאָט־ביבליאָטעקן. איך האָף אַז אונדזער ווערטערבוך וועט העלפֿן אַז די ייִדישע שפּראַך זאָל בלײַבן לעבן אין שוועדן.

30. YARI'D foire/fair 31. Göteborg 32. grand/large 33. commande/order.



| | | |
|---|---|---|
| פֿ, דער/די | fei, der/di | fei bokstav i alfabetet |
| פֿאַבל, די [-ען] | fabl, di (-en) | fabel |
| פֿאַבריצירן [פֿאַבריצירט] | fabritsim (fabritsirt) | tillverka |
| פֿאַבריק, די [-ן] | fabrik, di (-n) | fabrik |
| פֿאָדעם, דער [פֿעדעם] | fódem, der (fédem) | tråd sytråd |
| פֿאָדערונג, די [-ען] | föderung, di (-en) | 1 begäran krav 2 fordran |
| פֿאָדערן [געפֿאָדערט] | födern (gefödert) | 1 begära kräva 2 fordra |
| פֿאָדערשט | födersht | främst |
| פֿאָטאָגראַפֿיע, די [-ס] | fotográfie, di (-s) | fotografi |
| פֿאָטאָגראַפֿירן [פֿאָטאָגראַפֿירט] | fotografim (fotografirt) | fotografera |
| פֿאָטעל, דער [-ן] | fotéL, der (-n) | fåtölj |

אָנהייב פֿונעם אות „פֿ“ אינעם נײַעם ווערטערבוך

# מעלאַנכאָליע און ווי צו רעדן וועגן דעם

אינעם פּאַריזער מוזיי „גראַן פּאַלע“[1] קומט איצט פֿאָר אַן אויסשטעלונג[2] אונטער דעם טיטל „מעלאַנכאָליע“, מיט בילדער פֿון אַזעלכע קינסטלער ווי אַלברעכט דירער, וויליאַם בלייק, דזשיאָרדזשיאָ דע קיריקאָ... די איצטיקע צײַט פֿון יאָר – האַרבסט – איז טאַקע זייער גוט צוגעפּאַסט צו אַ מעלאַנכאָלישער שטימונג. איז דאָס אַ גוטע געלעגנהייט צו דערמאָנען, אַז דאָס גריכישע וואָרט „מעלאַנכאָליאַ“ מיינט „שוואַרצע גאַל“[3] (ווײַל אַ מאָל האָט מען געגלייבט, אַז דאָס טרויעריקע געמיט[4] קומט פֿון דער שוואַרצער גאַל, אַ לעגענדאַרישער קערפּער־אויסשיידונג[5], וואָס זאָל זיך געפֿינען[6] ניט אינעם גאַלפּענכער[7], ווי די געוויינטלעכע גאַל, נאָר אין דעם מילץ[8]). אויף ייִדיש ניצט מען אַוודאי[9] דעם אינטערנאַציאָנאַליזם „מעלאַנכאָליע“, אָבער דער טראַדיציאָנעלער באַגריף[10] איז דאָס העברעיִש־שטאַמיקע וואָרט „מרה־שחורה“[11], וואָס מיינט פּונקט דאָס זעלבע ווי דאָס גריכישע וואָרט : שוואַרצע („שחורה“) גאַל („מרה“). און מע דאַרף עס אַרויסרעדן [מאָרע־שכוירע], און ניט, ווי מע הערט אַ מאָל [מוירע־...], ווײַל עס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם וואָרט „מורא“[12].

אַחוץ[13] די ווערטער „מרה־שחורה“ און „מעלאַנכאָליע“ איז דאָ אויף ייִדיש אַ גרויסער אויסקלײַב אַנדערע טערמינען, וואָס גיבן איבער אָט די שטימונג. מע קען זײַן (נישט פֿאַר קיינעם געדאַכט ![14]) טרויעריק, אומעטיק, באַטריבט, פֿאַרדראָסן, סמוטנע, קאַלעמוטנע אָדער סתּם[15] אומגליקלעך. מע קען זײַן פֿאַרזונקען[16] אין עצבֿות[17], טרויער, אומעט, צער[18], ייִאוש[19], פֿאַרצווייפֿלונג, עגמת־נפֿש[20], האַרצווייטיק. מע קען



י. ה. וו. טישבעין : „דער גרויסער שאָטן“

אויך זײַן, נעבעך[21], דערשלאָגן, פֿאַרחושכט[22], פֿאַרייִאושט[23], געפֿאַלן בײַ זיך, פֿאַרקלעמט און צעקלעמט. דאָקטוירים ניצן די אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער „דעפּרעסיע“, „דעפּרעסיוו“ און „דעפּרימירט“. איר זײַט שוין פֿאַרמרה־שחורהט[24] ? נישט געדאגהט[25], אינעם קומענדיקן נומער וועלן מיר שרײַבן וועגן פֿריילעכערע זאַכן (ווי עס האָט געזאָגט שלום־עליכם[26] : „וואָס הערט זיך מיט דער כאָלערע אין אָדעס ?“).

1. Grand Palais 2. exposition/exhibition : “Mélancolie – génie et folie en Occident” 3. bile noire/black bile 4. humeur/mood 5. sécrétion 6. qui est censé se trouver/which was said to be 7. vésicule biliaire/gall bladder 8. rate/spleen 9. AVADE bien sûr/of course 10. concept 11. MORE-SHKHOYRE mélancolie/melancholy 12. MOYRE peur/fear 13. AKHU'TS à part/aside from 14. on ne le souhaite à personne/may it happen to nobody 15. STAM tout simplement/just plain 16. plongé/sunk 17. ATSVES tristesse/sadness 18. TSAR chagrin/sorrow 19. YIESH désespoir/despair 20. AGMES-NEFESH chagrin/peine 21. pauvre de nous/oh, misfortune 22. FARKHOYSHEKHT abattu/gloomy 23. FARYIESHT désespéré/in despair 24. FARMORE-SHKHOYRET déprimé/depressed 25. ... GEDAYGET pas de souci/not to worry 26. SHOLEM-ALEYKHEM (1859-1916).

פֿאָרווערטס

אַרטיקל דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג פֿאָרווערטס אין אָקטאָבער 2005

# דרײַ באַרימטע שרײַבער באַזינגען ייִדיש לשון[1] אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער

פֿון יצחק ניבאָרסקי

יעדן יאָר אין מיטן אָקטאָבער, קומען פֿאָר איבער גאַנץ פֿראַנקרײַך הונדערטער ליטעראַרישע אונטערנעמונגען[2] אונטערן נאָמען „דער יום־טובֿ[3] פֿון לייענען“. דאָס איז אַ מין[4] לאַנד־געשעעניש[5], וואָס דער קולטור־מיניסטעריום דערמוטיקט[6]. און דאָס שאַפֿט טאַקע אויף אַ שטיקל צײַט אַ געהויבענע אַטמאָספֿער : מע פֿילט בחוש[7], אַז דאָס בוך, דער שרײַבער, דאָס פּאָעטישע וואָרט פֿאַרנעמען – לאָז זײַן כאָטש[8] אויף עטלעכע טעג – דעם אויבנאָן[9], וואָס געוויינטלעך האָבן אויף אים דעם מאָנאָפּאָל ספּאָרט, פּאַליטיקערײַ און סענסאַציאָנעלע נײַעס.

נו, הײַנטיקס יאָר[10] האָט די מעדעם־ביבליאָטעק בײַם פּאַריזער ייִדיש־צענטער אונטערגענומען צום „יום־טובֿ פֿון לייענען“ אַ גאַנץ יום־טובֿדיקן[11] פּלאַן : פֿאַרבעטן[12] דרײַ באַליבטע שרײַבער, וואָס שאַפֿן אויף דרײַ פֿאַרשיידענע שפּראַכן אין דרײַ באַזונדערע לענדער, און שמועסן מיט זיי וועגן דער ראָלע, וואָס ייִדיש און ייִדישע ליטעראַטור שפּילן אין זייער געמיט[13] און אין זייער שאַפֿן, כאָטש[14] בײַ קיינעם פֿון זיי איז ייִדיש נישט די מוטערשפּראַך. די דרײַ שרײַבער זענען : ראָבער באָבער[15] פֿון פּאַריז, אַ קינאָ־ רעזשיסאָר, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דרײַ ראָמאַנען אויף פֿראַנצייזיש ; אַהרן אַפּעלפֿעלד[16] פֿון ירושלים[17], וואָס שאַפֿט אויף העברעיִש, און ערי דע לוקאַ[18] פֿון נאַפּאָלי, וואָס שרײַבט אויף איטאַליעניש. מיט דער מיטווירקונג[19] פֿון דעם פֿראַנצייזישן שרײַבער־פֿאַראיין און פֿון דעם ייִדיש־פֿראַנצייזישן חודש[20]־זשורנאַל *ל׳אַרש*[21], האָט דער ייִדיש־צענטער זיי צונויפֿגעברענגט אַלע דרײַ און מיט זיי דורכגעפֿירט דרײַ אומפֿאַרגעסלעכע אָוונטן בײַ געפּאַקטע[22] זאַלן.

דער אָוונט מיט ראָבער באָבער איז באַשטאַנען בעיקר[23] אין אַ פֿאָרלייענונג פֿון קאַפּיטלען פֿון זײַן ראָמאַן *Quoi de neuf sur la guerre ?* (וואָס הערט זיך מיט דער מלחמה[24] ?) אין פֿראַנצייזישן מקור[25] און אין דער איבערזעצונג, וואָס עס האָט געמאַכט אַ קאָלעקטיוו איבערזעצערס אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער. בײַם געדיכטן עולם[26] האָט שטאַרק אויסגענומען[27] אַזאַ גילגול[28] פֿון אַ טעקסט, וואָס דער מחבר[29] אַליין טענהט[30], אַז ער האָט אים אָנגעשריבן אויפֿן פֿאָן[31] פֿונעם גערעדטן ייִדיש, מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגעהערט יונגערהייט אַרבעטנדיק אין די פּאַריזער באַקליידונגס־וואַרשטאַטן[32] באַלד נאָך דער מלחמה. אַגבֿ[33], איז דאָס ס׳ערשטע מאָל זינט יאָרצענדליקער[34] ווי מע זעצט איבער אויף ייִדיש אַ פֿראַנצייזישן ראָמאַן בײַם מחברס לעבן.



ראָבער באָבער

1. LOSHN langue/language 2. *ici* manifestations/events 3. YONTEV fête/festival 4. MIN sorte de/kind of 5. événement national/national event 6. encourage/encourages 7. BEKHU'sh clairement/clearly 8. *ici* au moins/*here* if only 9. place d'honneur/place of honor 10. cette année/this year 11. YO'NTEVDIKN festif/festive 12. inviter/to invite 13. sensibilité/mind 14. bien que/although 15. Robert Bober 16. Aaron Appelfeld 17. YERUSHOLAIM Jérusalem 18. Erri de Luca 19. en partenariat/partnership 20. KHOYDESH… mensuel/monthly 21. *L'Arche*/ Jewish magazine in France 22. comble/packed 23. en majeure partie/mainly 24. MILKHOME guerre/war 25. MOKER original 26. OYLEM public/audience 27. a eu du succès/was very successful 28. GILGL réincarnation 29. MEKHABER auteur/author ; *fém.* מחברטע MEKHA'BERTE 30. TAYNET affirme/maintains 31. sur fond de/based on 32. ateliers de confection/garment workshops 33. AGEV à propos/by the way 34. décennies/decades

**אַהרן אַפּעלפֿעלד**



די באַגעגעניש מיט אַהרן אַפּעלפֿעלד איז געפֿירט געוואָרן אויף ייִדיש. זי האָט צוגעצויגן אַ ריזיקן עולם. פּראָפֿ' רחל ערטעל[35], אַ באַקאַנטע פֿאָרשערין[36] פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און מחברטע פֿון גרונט־אַרבעטן איבער חורבן[37]־ליטעראַטור, האָט אויף ייִדיש אָנגעפֿירט מיטן שמועס וועגן אַפּעלפֿעלדס הויפּטטעמעס : זײַן חורבן־איבערלעבונג ווי אַ פֿאַרוואָגלטער יתום[38] אין די וועלדער און דערפֿער פֿון אוקראַיִנע, די קוואַלן פֿון זײַן זכּרון[39], דאָס פֿאַרלירן און דאָס אָפּגעפֿינען דעם דיבור[40], ווי אויך פֿראַגעס פֿון דערציילערישקייט און סטיל. אַפּעלפֿעלד האָט אין קלאָרן און אין אויסדרוקספֿולן[41] ייִדיש אַרויסגעבראַנגט, צווישן אַנדערן, זײַן פּיעטעט צו מאַמע־לשון[42], וואָס ער האָט קינדווײַז נאָר זעלטן געהערט פֿון זײַנע זיידע־באָבע, אָבער וואָס ער האָט נאָך דעם גרינטלעך דערלערנט, ווײַל ער האָט געהאַלטן אַז ייִדיש, פּונקט ווי גמרא[43], איז אים אומבאַדינגט[44] נייטיק זיך צו באַהעפֿטן[45] מיט זײַן אָפּשטאַם[46] איידער ער נעמט שרײַבן אויף העברעיִש.

**ערי דע לוקאַ**



אויך דעם דיאַלאָג מיט ערי דע לוקאַ האָט געפֿירט רחל ערטעל – דאָס מאָל אינעם איבערגעפּולטן לאָקאַל פֿון פֿראַנצייזישן שרײַבער־הויז. אין פֿאַרלויף פֿונעם אָוונט האָט מען אויך געוויזן אַ קורצפֿילם, וואָס ראָבער באָבער האָט אָפּגעגעבן דער פּערזענלעכקייט פֿונעם נאַפּאָליטאַנער שרײַבער. אין דער דיסקוסיע, וואָס איר הויפּט־אַקס איז געווען דע לוקאַס באַציִונג צו ייִדישקייט און ייִדיש, זענען שאַרף באַלויכטן געוואָרן[47] אַ ריי ייִדישע סימבאָלן, וואָס וואַרפֿן זיך דורך[48] אין די ווערק פֿון דעם איטאַליענישן שרײַבער, וואָס איז נישט קיין ייִד און דווקא[49] יאָ אַ בקי[50] אין דער ייִדישער קולטור, אויף אַזוי פֿיל, אַז ער ציטירט אין דער אָריגינעלער שפּראַך און אויף אויסנווייניק[51] אָט אַ פּסוק[52] פֿון תּנך[53], אָט אַ שורה[54] פֿון אַבֿרהם סוצקעווער[55].

אַחוץ[56] די דרײַ באַזונדערע אונטערנעמונגען, האָבן אַלע דרײַ שרײַבער זיך באַטייליקט אין איינעם, צוזאַמען מיט רחל ערטעל און מיטן דירעקטאָר פֿון ייִדיש־צענטער זשיל ראָזיע, אויף אַ שעהדיקער[57] ראַדיאָ־פּראָגראַם אין די קולטורעלע עמיסיעס פֿונעם מלוכה[58]־ראַדיאָ. אַ שטאַרקער מאָמענט אין זייער שמועס איז געווען ווען אַהרן אַפּעלפֿעלד האָט אויסגעדריקט די מיינונג – צו וועלכער ערי דע לוקאַ האָט צוגעשטימט – אַז נאָכן חורבן פֿאַרמאָגט דאָס ייִדישע פֿאָלק נישט איינע, נאָר צוויי פֿאַרהייליקטע שפּראַכן : לשון־קודש[59] און ייִדיש.



35. ROKhL Rachel Ertel 36. chercheuse/research scholar 37. KhURBN Shoah 38. … YOSEM orphelin errant/homeless orphan 39. ZIKORN souvenir/memory 40. DIBER parole/speech 41. expressif/expressive 42. …-LOShN ייִדיש 43. GEMORE Talmud 44. absolument/absolutely 45. *ici* renouer/*here* get back to 46. origines/origins 47. mis en lumière/elucidated 48. apparaissent çà et là/are scattered through 49. DAFKE justement/indeed 50. BOKE expert 51. par cœur/by heart 52. POSEK verset/verse 53. TANA'Kh Bible hébraïque/Hebrew Bible 54. ShURE vers/line 55. AVRO'M Sutskever 56. AKhU'TS à part/aside from 57. ShO'EDIKER d'une heure/one hour long 58. MELUKhE *ici* national/state 59. LOShN-KOYDESh hébreu/Hebrew.


## איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

אַבאָנעמענט־פּרײַזן : פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט : ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

נאָמען : ............................................................ קרעדיט־קאַרטע־נומער : ..................................

אַדרעס : ............................................................ אויסגאַנג[4]־דאַטע : ....................................

............................................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס : The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-… poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

# ייִדישער סודאָקו[1]

איר קענט שוין אפֿשר[2] דאָס יאַפּאַנישע לאָגיק־שפּיל „סודאָקו“, וואָס איז לעצטנס געוואָרן זייער פּאָפּולער. דער ציל[3] פֿונעם שפּיל איז אויסצופֿילן אַ דיאַגראַם[4] מיט ציפֿערן פֿון 1 ביז 9. דער דיאַגראַם באַשטייט פֿון 81 קעסטעלעך[5] אײַנגעסדרט[6] אין 9 שורות[7], 9 קאָלאָנעס און 9 קוואַדראַטן[8] צו 9 קעסטעלעך. אין יעדער שורה, אין יעדער קאָלאָנע און אין יעדן קוואַדראַט דאַרף מען אַרײַנשרײַבן די ציפֿערן פֿון 1 ביז 9, נאָר יעדער ציפֿער מעג פֿאָרקומען בלויז איין מאָל. אַנשטאָט[9] ציפֿערן האָבן מיר דאָ גענוצט 9 ייִדישע אותיות[10] פֿון „א“ ביז „ט“ :

א, ב, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט.

מיר האָבן שוין אַרײַנגעשריבן עטלעכע אותיות, עס בלײַבט אײַך אויסצופֿילן דעם גאַנצן דיאַגראַם !

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ב | ז | א | ה | | | ט | | ח |
| | ו | ט | | | ד | | | ה |
| | | | | ח | | א | | |
| | ה | | | ד | ט | | | |
| ט | ב | ו | | ה | | ד | ח | א |
| | | | א | ב | | | ט | |
| | | ג | | ז | | | | |
| ה | | | ד | | | ג | ז | |
| ד | | ז | | | ג | ו | ה | ב |

1. Sudoku 2. EFSHER peut-être/perhaps 3. but/aim 4. grille/grid 5. cases/boxes 6. A'YNGESADERT disposés/arranged 7. SHURES lignes/lines ; *sing.* שורה SHURE 8. carrés/squares 9. à la place des/instead of 10. OYSYES lettres/letters ; *sing.* אות OS.

[סוף פֿון זײַט 1]

וואָס מען עסט לאַטקעס און פּאָנטשקעס[38] : כּדי[39] צו דערמאָנען דעם בוימל דאַרף מען עסן געפּרעגלטע[40] שפּײַזן.

אויך דער מינהג פֿון שפּילן אין דריידל איז פֿאַרשפּרייט צווישן אַנדערע פֿעלקער. אַרכעאָלאָגן האָבן געפֿונען דריידלעך אין אַלטן רוים. אין דײַטשלאַנד אין מיטל־עלטער[41] זײַנען געווען דריידלעך, מיט וועלכע מע האָט געשפּילט פֿאַר געלט, מיט די אותיות[42] SNGH, וואָס האָט געמיינט „שטעל, נעם (אָדער : נישט), גאַנץ (אָדער : גיב), האַלב“. אויך ייִדישע קינדער שפּילן אַזוי אין דריידל, מיט די אותיות „נ ג ה ש“. צו געבן דעם שפּיל אַ רעליגיעזן באַטײַט[43], האָט מען אויסגעטײַטשט[44] די אותיות ווי „נס גדול היה שם“[45] („אַ גרויסער נס איז דאָרט געווען“).

די דערוואַקסענע פֿאַרברענגען די לאַנגע חנוכּה־נעכט שפּילנדיק אין קאָרטן. מען ווייס נישט גענוי פֿאַר וואָס דאָס איז געוואָרן אַ מינהג ווײַל אין אַלגעמיין האַלטן נישט די רבנים[46] פֿון קאָרטן־שפּילן. דער באַרימטער רבי[47] ר' לוי־יצחק באַרדיטשעווער[48], וועמען מע רופֿט אוהבֿ־ישׂראל[49] דערפֿאַר וואָס ער האָט אַלע מאָל געוואָלט זען גוטסקייט בײַ ייִדן, איז געווען קעגן דעם מינהג. ער זאָגט אָבער אַז ייִדן טוען דאָס נישט דערפֿאַר וואָס זיי האָבן ליב קאָרטן, נאָר ווײַל זיי ווילן זיך צוגעווינען[50] צו בלײַבן וואַך שפּעט בײַ נאַכט, כּדי זיי זאָלן קענען לערנען תּורה[51].



נאָך אַ מינהג – כאָטש נישט פֿון די אוראַלטע צײַטן – האָט מען אײַנגעפֿירט אין אַמעריקע. איין מאָל אַ יאָר פֿאַרזאַמלען זיך לערערס און סטודענטן פֿונעם באַרימטן אוניווערסיטעט פֿון שיקאַגאָ, כּדי צו הערן אַ דעבאַטע צווישן פֿילאָסאָפֿן, סאָציאָלאָגן, מאַטעמאַטיקער, אאַ״וו, וועגן דער ברענענדיקער פֿראַגע : וואָס איז בעסער, לאַטקעס אָדער המן־טאַשן[52] ? דאָס איז נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשׂה. די דעבאַטע קומט טאַקע פֿאָר אַלע יאָר אין נאָוועמבער (פֿאַר חנוכּה) זינט 1947 און האָט צוגעצויגן גרויסע מבֿינים[53] אויף אַ סך געביטן[54], אַפֿילו[55] עטלעכע נאָבעל־פּרײַז לאַורעאַטן. לעצטנס איז אַרויס אַ בוך מיטן טיטל *די גרויסע דעבאַטע צווישן לאַטקע און המן־טאַש*[56], אַ זאַמלונג עסייען וועגן אָט דער דערהויבענער טעמע. אויב איר ווילט זיך באַטייליקן[57] אין דער דעבאַטע, שרײַבט אונדז אײַער מיינונג !

38. beignets/doughnuts 39. KEDE'Y afin de/in order to 40. frits/fried 41. Moyen Âge/Middle Ages 42. OYSYES lettres/letters 43. signification/meaning 44. interprété/interpreted 45. NES GODL HOYO SHOM 46. RABONIM rabbins/rabbis 47. REBE rabbi 48. REB LEYVI-YITSKHOK... Lévi-Isaac de/of Berditchev 49. OYEV-YISROEL ami des Juifs/friend of the Jews 50. s'habituer/get used to 51. TOYRE Torah 52. HOMEN-TASHN gâteaux traditionnels de Pourim/traditional Purim pastries 53. MEVINIM experts ; *sing.* מבֿין MEYVN 54. domaines/fields 55. AFILE même/even 56. *The Great Latke-Hamantash Debate* (Univ. of Chicago Press, 2005) 57. prendre part/take part.


דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
זשיל, יצחק, מאַרי,
נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.

DER YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com
מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com